NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04325

DER FOYGEL-KHAPER

Y. Krepliyak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

מעשה'לעך פאַר אידישע קינדער

י. קרעפּליאק

1. דער פויגעל-כאַפּער.
2. אַ מאַמע.
3. אַ געשלעג.

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט.
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק
.1920
200

Copyright by
MAX N. MAISEL
New York, 1920.

דער פויגעל-כאַפּער.

זומער־לעב פלעג שואל'קע אַ רגע אין שטוב ניט זיי־צען. האָט ער נאָר געקענט, פלעג ער זיך שוין אַרויסדרע־הען פון הויז און זיך פאַרגראָבען אין סאַד, אַז קיינער זאָל איהם ניט געפינען.

אין שטוב איז איהם געוועזן אומעטיג — דער טאַטע פארטאָן אין געשעפט. די מאַמע, ווען ער קומט איהר אויף די אויגען, שטראָפט איהם שטענדיג, אַז ער איז אַ גרויסער „ניט וועלער". „ביי לייטען אַזעלכע אינגלאך לערנען שוין גמרא..." און דער עיקר, מען קען איהם נאָך שיקען אַ גאַנג אויך...

געננ האָט ער פיינט. ער ליידט ניט, אַז מען זאָל זיך מיט איהם שאַפען. אין סאַד איז ער פריי, טוט וואָס ער וויל, ליגט אַפּ שעה'ן אין קיהלען גראָז, וואָס האָט זיך אַזוי געדיכט צעוואקסען צווישען די בוימער, ביים הויכען פאַרקאָן; זיך צונויפגעמישט מיט „פויגעל־קאַשע", מיט די בעכערלאך „משוגענעם מאָן" און זיך איבערגעפלאָנטערט מיט „בערשטלאך" פון תשעה־באב.

איז ער אַליין, טרעפט ער ניט אסתר'קען, דער שכנ'י־שער מיידעלע, וועלכע שפּיעלט זיך אויך שטענדיג ביי זיי אין סאַד, פאַרבאַהאַלט ער זיך אין גאַנצען מיט גראָז און קוקט דורך די גראָזען אויף די געפינטעלטע, קאָלירטע „משה רבנו'ס קיהעלאך", ווי זיי קריכען איבער די שטרויעלאך,

אַרויף־אַרויף, קומען צום שפּיץ, בלייבען שטעהן, ווי דאָ וואָלט געווען דער ברעג פון דער וועלט. נעהמט ער אַ שטרויעלע און שטורכעט זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי צועפּענען די צוויי פּאָר פליגלען און פליהען איבער, אָדער פאַלען אַרונטער כלומר׳שט טויט.

דערהערט ער אַ גריל, גנב׳עט ער זיך צו, קוקט איהם אָן אַ ווײַלע אין די גרינע אויגען, און כאַפּט איהם פּאָר ביידע פּיסלאַך און שפּיעלט זיך מיט איהם אין קאַץ און מויז, האַלט איהם אין פויסטעל, צועפּענט די האַנט ער זאָל קענען אַ שפּרונג טאָן און האַלט גלייך אָנגעגרייט די צווייטע, ער זאָל קענען אַ כאַפּ טאָן.

גיט זיך איין דער גריל צו אַנטלויפען, לויפט ער נאָך יעדען שפּרונג זיינעם, ציהט זיך אויס און הויבט זיך אויף, ווי אויף גרינע כוואַליעס, און פּאַקט ער איהם, רייסט ער איהם אויס אַ פּיסעל, ווי אַ זעגעלע: „געה, דו קאַליקע, לאַמיך זעהן ווי דו וועסט איצטער קענען „זעגען."

ווערט ער מיעד, ציהט ער זיך גאָר אויס טשאַטעווען דעם הימעל, צי פויגלען פליהען ניט. ער וואָלט אַלע פויגלען געכאַפּט, און אַפּילו אין די וואָלקענס זעהט ער טייכען, בערג, פויגלען, משונה׳דיגע גרויסע גרילען.

פאַרנאַכט יאָגט ער זיך נאָך נאָך שוואַלבען. שוואַלבען איז אַ מצוה די קעפּלאַך אַראָפּצודרעהען, זיי האָבען דאָך געטראָגען פייער פאַר׳ן בית המקדש. ניט אומזיסט איז נאָך פאַרבליבען אַ רויטער צייכען אונטער׳ן העלזעל און אין גאַנצען זיינען זיי שוואַרץ פאַר׳שרפה׳ט.

אַז אסתר׳קע איז פאַראַן אין סאַד שפּיעלט ער זיך מיט איהר, באַהאַלט זיך אויס אין גראָז און שפּרינגט פּלוצ־

לונג אַרוים און שרעקט זי איבער. פאר די אלע באַשעפע־נישען און ברואים, וואָס שואל'קע האַלט אין האַנט, האָט זי מורא, און קומט ער צו איהר צו מיט אַ גריל, אָדער אַ ביהן, מאַכט זי גוואַלדען, קוקט מיט צושראָקענע אויגען און באַהאַלט די הענטלאך אויף הינטען.

אָבער שואל'קען געהט זי נאָך ווי אַ קעלבעל, און קוקט נאָך אַלץ וואָס ער טוט.

* * *

אסתר'קע איז איצט געשטאַנען און געקוקט, ווי שואל־קע לעגט צוזאַמען אין סאָד פינף ציגעל און מאַכט אַ פאַסט־קע פאר פויגלען.

— כ'וועל דיר כאַפּען פויגלען וויפיעל דו ווילסט נאָר אליין — האָט ער זיך פאר איהר באַריהמט, אויף גיך גע־מאַכט פון פיער ציגעל אַ קעסטעלע, דעם אויבערשטען צי־געל אונטער־געשפּאַרט מיט אַ העלצעל, אונטער'ן העלצעל אַ ברעטעלע און אַנגעשאָטען חלה־ברעקלאַך.

— איצט לאָמיר זיך באַהאַלטען — האָט ער אַוועק־געשלעפּט אסתר'קען אָן אַ זייט.

אַ מחנה ווורובליעס האָט זיך מיט אַ קינדערשער פלאַפלעריי אַרונטערגעלאָזט און זיך צושאָטען אַרום פאַסט־קע. אַ כאַפּטע יונגוואַרג האָט גענומען שפּרינגען אויף די ציגעל און אַרום די ציגעל.

אַן עלטערער ווורובעל, אַ מיושב'דיגער און אַ פעטער, האָט זיך געהאַלטען פון דער ווייטען, קרום געקוקט אויף די יונגע פאַרלאַך און ווי געוואָרענט: זייט ניט אַזוי פרעה־ליך, לאָזט אייך ניט פאַרנאַרען...

די פאַרלאַך האָבען אָבער געשפּרונגען, געשפּרונגען און געפּיקט.

שואל'קע מיט אסתר'קען האָבען געטשאַטעוועט:

— וויפיעל וועסטו כאַפּען? — האָט אסתר'קע געפרעגט.

— אַן „ער" מיט א „זי" — האָט שואל'קע געענטפערט.

— מיר וועסטו געבען?

— וויפיעל דו ווילסט אַליין.

— אויך אַן „ער" מיט א „זי"!

— געוויס.

— ט־ס־ס... — האָבען זיך פלוצלונג ביי איהם די אויגלאַך אַנגעצונדען, — איינער געהט שוין.....

— אַן „ער" צי אַ „זי" — האָט אסתר'קע געפרעגט.

— אַן „ער".

— פון וואַנען דערקענסטו?

— כ'דערקען. ער האָט א דזשוב אויפ'ן קעפּעל — האָט שואל'קע געענטפערט.

— כ'זעה גאָר ניט — האָט אסתר'קע אָפּגעענטפערט.

— מען זעהט איהם ניט, דעם דזשוב... — האָט שואל'קע וואַזשנע געענטפערט.

— קוק, קוק... — האָט ער ניט דערוויזען אַרויסצורײדען, ווי דער אויבערשטער ציגעל — באַץ! איז מיט א קלאַפּ צוגעפאַלען.

אַ רחמנות'דיגער פּישטש, ווי אַ קליין קינד וואָלט פון פלוצלונגען ווערהטאַג אַ קוויטש געטאָן, האָט אַ שניט געטאָן די לופט און פאַרשטאָרבען.

די גאַנצע מחנה וורובליעס האָט מיט גערויש זיך אַ הויב געטאָן און צופלויגען. שואל'קע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פון זיין באַהעלטעניש, אסתר'קע איז נאָך פאַרבלי־בען, אַ צושראָקענע פון קלאַפּ.

— צוויי, צוויי מיט אַמאָל! — האָט ער געשריען צו איהר אין פריידיגער אויפרעגונג. — קום אהער, וועסטו זעהן — אן „ער" און א „זי"!

ער האָט ווי אַ געניטער גענומען דעם רעקעל און גע־וואָלט איבערדעקען די ציגעל, האָט ער דערזעהן, ווי פון איין זייט שטעקט ארויס א האלבער פויגעל, צוגעקלעמט פון ציגעל. דער וורובעל ריהרט זיך אַפילו ניט, נאָר אן אָפענער אויגעל מיט אַ רויטען, רונדען פּאַסיקעל ארום, פינטעלט, פינטעלט אזוי מאָדנע צו איהם, ווי עס וואָלט זיך געמאַטערט וויינען....

— וואס איז מיט דער פויגעלע? — איז אסתר'קע צוגעקומען.

— זיך דער'הרג'עט — האָט שואל'קע גלייכגילטיג געענטפערט.

— געה, קענסט ניט כאפּען — האָט אסתר'קע אָנ־געשטעלט די ליפּלעך. — א רחמנות די פויגעלע....

— אַ גרויסע וועררע מיר, כ'קען כאפּען וויפיעל דו ווילסט... איינע האָסטו דאָך!

ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, פּארקוקט אין אַ שפּאַרע אין די ציגעל אריין און דערזעהן, ווי א וורו־בעל זיצט א צונויפגעקאָרטשעטער מיט אויפגעשטעלטע פע־דערען פון שרעק.

— ווילסט א קוק טאָן ווי ער זיצט דאָרט, דער אורח ? — האָט זיך שואל׳קע אויפגעשטעלט.

— כ׳האָב מורא פאַר דער טויטער... — האָט אסתר׳קע געקוקט צושראָקען, — זי קען נאָך קומען צו חלום, ווי די באָבע האָט מיר דערצעהלט.

שואל׳קע האָט זיך צולאַכט :

— דו ביזט אַ אידענע ! — האָט ער א זאָג געטאָן מיט דערוועלבער מינע ווי זיין טאַטע פלעגט דאָס זאָגען צו דער מאַמען : — א מענש איז דאָס, וואָס ? ס׳איז דאָך א פויגעל...

* * *

אין מיטען שלאָף האָט שואל׳קע דערפיהלט, אַז אימעצער פּיקט איהם אַזוי לייכט, ווי מיט א שנאָבעלע. טוט ער זיך א כאַפּ, זעהט ער אין דער פענסטער, ווי אַן אָפען אויגעל מיט א רויטען פּאַסיקעל ארום, פינטעלט צו איהם און פינטעלט, ווי עס וואָלט זיך געמאַטערט וויינען...

ער האָט זיך גלייך דערמאָנט אָן אסתר׳קעס רייד, אַז דאָס איז איהם דער פויגעל געקומען צו חלום און אַ צושראָקענער האָט ער שוין געוואָלט נעמען שרייען : מאַמע... נאָר ארום דעם אויגעל האָט זיך גענומען לייכטען און ער זעהט שוין א גאַנצע פויגעלע, וואָס קוקט אַזוי פריינדליך אויף איהם. און עפּעס דוכט איהם, אז ער קען גאָר די פויגעלע. „דאָס איז דאָך גאָר אסתר׳קע״, וואונדערט ער זיך, „אויף מיין וואָרט, אסתר׳קע, נאָר עפּעס מאָדנע, ווי זי קוקט אויס, אַן אמת׳ער ווערובעל — מיט פעדערלאַך, מיט אַ שעהנינקען ווײדעלע, מיט פאַרפּוצטע פליגעלאַך, אַ מיילכעלע ווי אַ שנאָבעלע...״

געהט איהם אָפּ פון הארצען, קען ער זיך שוין ניט איינהאַלטען און לאַכט זיך פאַנאַנדער:

— אסתר'קע, וואָס האָסטו זיך עפּעס פאַרשטעלט פאַר א פויגעלע?

— וואס פארשטעלט? — סוויטשערט עפּעס אַזוי מאָדנע אסתר'קע און רייבט אָן איהם מיט ליעבשאַפט דעם שנאָבעלע, — דו ביזט דאָך אויך אַ פויגעלע...

— איך?

— יע!

ערשט ער גיט אַ קוק, מיט אַן אמת, ער איז אויך א ווראָבעל, אַן אמת'ער „ער". ער וויל אויסשטרעקען א האַנט, א טאַפּ טאָן צי ער האָט אַ דזשוב אויפ'ן קאָפּ — וואָס פאַר א הענטעל, ער האָט גאָר אַ פליגעלע.

— נו, כ'האָב א ליגען געזאָגט? — פרעגט זיך אסתר'קע.

— אויף מיין וואָרט אַן אמת — דערקענט שוין ניט שואל'קע זיין קול, נאָר ווי אַ פויגעלע וואָלט געסוויטשערט.

— קענען מיר פליהען אויך?

— אַודאי!

און שואל'קע דערפיהלט זיך אַזוי גרינג און לופטיג, ווי ער וואָלט גאָר קיין בייכעל ניט געהאַט, נאָר אין גאַנצען באַשטעהט ער פון די פליגלען:

— לאָמיר פליהען!

— לאָמיר.

שואל'קע גיט זיך אַ הויב: „אויף מיין וואָרט עס פליהט זיך", וואונדערט ער זיך נאָך אַלץ אַביסעל.

אסתר'קע פליהט איהם נאָך. זיי צירקלען אַרום די

שטוב און שואל׳קע האָט אַזאַ געפיהל, אז ער קען זיך אראָפּ־לאָזען אויפ׳ן הענג־לאָמפּ, אויפ׳ן געזימס פון דער שאַפע ספרים, וואו ער וויל נאָר.

— וואָס וועלען מיר דאָ פליהען ? — ווענדט זיך שוין שואל׳קע, — מיר קענען נאָך טאַטע־מאַמע אויפוועקען. לאָמיר גאָר אַרויספליהען אין דרויסען.

— לאָמיר.

— דורך וואָנען ?

— דורך וואָנען איך בין געקומען, דורכ׳ן צובראָכענעם שויב.

— וואוהין זאָלען מיר פליהען, צו אונז אין סאָד, אדער צו דער מוהמען אויפ׳ן פלאַץ ?

— וואו דו ווילסט.

— לאָמיר גאָר פליהען ווייט, ווייט.

— לאָמיר פליהען.

שואל׳קע האָט זיך אַ הויב געטאָן אין הימעל, זיך צו־פלויגען אין אַ קאַראַהאָד, איבערגעפלויגען די שינדעל־דעכער פון זייער שטעדטעל, דעם שפּיץ קלויסטער, און זיך אַוועק־געטראָגען אין פעלד אַריין. שואל׳קע קוקט ארונטער, זעהט ווי זייער טייכעל שנירעלט זיך אונטען, ווי די געקרייזעלטע קעפּ פון די בוימער שווינדלען.

א מחנה טויבען, ווי אַ קאָלירטער וואָלקענדעל, האָט זיך באַוויזען אין הימעל, שואל׳קע האָט זיך פאַרוואָלט פאַר־מעסטען זיך מיט זיי אין געשווינדקייט, איז ער ווי א גע־

וואַרפען שטיינדעל מיט אימפּעט דורכגעפלויגען דורך די טויבען און מיט גאוה א פרעג געטאָן אסתר'קען:

— ווער איז פלינקער?

אסתר'קע האָט איהם אָבער ניט געענטפערט, נאָר פאַר־צווייפעלט אַ געשריי געטאָן. און באלד האָט שואל'קע דערזעהן ווי אַ יאַסטרעב שרויפט זיך אין הימעל, ווי ער זאָל אויסקלייבען אויף וועמען זאָל ער זיך אַ לאָז טאָן, צי אויף זיי, צי אויף די טויבען.

— געשווינדער, אסתר'קע! — שרייט ער מיט אלע כחות, — פליה! ער פליהט אויף אונז...

אסתר'קע ענטפערט ניט, נאָר זיי טראָגען זיך אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף, פאַרנעהמען זיך רעכטס און וואַרפען זיך לינקס און דער יאַסטרעב אַלץ נאָך זיי און נאָך זיי.

שואל'קע קוקט, ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט, אַלץ אַ פרייער הימעל און א פלאַכע ערד, נאָר אויפ'ן האָריזאָנט טונ־קעלט עפּעס...

— פליה, פליה! — שרייט ער אלץ צו אסתר'קען.

אסתר'קע ענטפערט איהם ניט. נאָר ער פיהלט אין וואָס פאַר אן אנגסט זי פליהט...

— פליה, פליה!... — מונטערט ער זי אלץ אויף, — נאָך אַ ווײלע און מיר זיינען אין וואַלד.

דער יאַסטרעב איז אָנגעפלויגען ווי אַ ווינט, האָבען זיי זיך א וואַרף געטאָן אָן א זייט, ער נאָך זיי, זיי ווידער צוריק. אזוי האָבען זיי זיך ארומגעדרעהט, ביז זיי זיינען אריין אין וואַלד און זיך פאַרשלאָגען אונטער צווייגען, וואו דער יאַסטרעב האָט שוין ניט געקענט צוקומען.

— אסתר'קע! ניטאָ וואָס מעהר מורא צו האָבען —

האָט שואל'קע געקוקט ווי אסתר'קע האָט זיך צו איהם צו־געטוליעט.

— כ'בין מיעד און כ'וויל עסען — האָט זיך אסתר'קע געקלאָגט.

— מיר'ן זיך אראָפּלאָזען אויף דער ערד, וועלען מיר קריגען עסען אויך — האָט שואל'קע פארזיכערט.

— לאָמיר.

— גערעדט־געטאָן. שואל'קע מיט אסתר'קען שפּרינ־גען אונטער און פּיקען — זוכען מיט די שנאָבעלעך — ניין, גאָרנישט ניטאָ, נאָר הוילער מאָך אָרום און צוקראָכענע שוואמען.

— איך חלש עסען... — צעוויינט זיך פלוצלונג אסתר'קע.

— מיר'ן מוזען פליהען אהיים — פארטראכט זיך שואל'קע.

— ווייט אַהיים? — פרעגט זיך נאָך אסתר'קע.

— כ'וויים ניט. כ'וועל פרעגען ביי „אַ זעגער", וועט ער מיר זאָגען.

שואל'קע האָט אָפּגעזוכט אַ גריל.

— וואו איז מיין היים? — פרעגט ער.

— ווער ביזטו? — פרעגט דער גריל און קוקט איהם אָן מיט די גרינע אויגען.

— איך בין שואל'קע.

— אָה, שואל'קע דער „פיסעל רייסער", כ'וועל דיר ניט זאָגען.

שואל'קע גיט זיך אַ ווארף אַ פּיק טאָן, אבער דער גריל

שפּרינגט אַפּ און גרילצט פון לאַכען: שואל׳קע דער פּיסעל רייסער וועט דאָ אויסגעהן פון הונגער.

— כ׳שטאַרב עסען — וויינט אסתר׳קע.

— כ׳וועל מעהר ניט רייסען, זאָג — רופט שואל׳קע.

— שווערסט זיך? — הערט אויף דער גריל צו לאַכען.

— כ׳שווער זיך.

— פליה אַרוים פון וואלד, פאַרנעם זיך רעכטס, דערנאָך לינקס, וועסטו זיין ביי זיך אין סאָד.

— אן אמת?

— געוויס!

— אַבי איך האָב געמיינט, ווי וויט מיר זיינען.

— דאָס האָט דער יאסטרעב אייך געטריבען אין קאַראהאָד — האָט אָפּגעגרילצט דער „זעגער".

— זיי געזונד!

— האַלט וואָרט!

שואל׳קע קוקט זיך אַרום, טאַקע, אָט איז דער סאָד! אָט זיינען נאָך די אויפגעשטעלטע ציגעל און די שטיקלאך חלה ארום.

לאָמיר זיך טאַקע אַראָפּלאָזען אין סאָד — שלאָגט פאָר שואל׳קע.

— לאָמיר.

— איך חלש עסען... — קוקט אסתר׳קע מיט גיערינע אויגעלאך אויף די צושאָטענע ברעקלעך. — ווי מיינסטו, קען איך עסען די חלה?

— קענסט עסען, ריינע חלה, אויף מיין וואָרט, כ׳האָב

אליין צושאַטען, פאַרזיכערט שואל'קע, — און וואס אַרט אונז, מיר זיינען דאָך סיי ווי פויגעלאך.

און זיי שפּרינגען איבער די ציגעל און פּיקען מיט די שנעבעלאך, און פּלוצלונג — באַץ! דער אויבערשטער ציגעל איז צוגעפאַלען.

אַ וועהטאָגליכער פּישטש האָט דורכגעשניטען די לופט. שואל'קע זיצט אויף די ציגעל מיט אויפגעשטעלטע פעדערען פון שרעק און אסתר'קע ליגט א צוגעקלעמטע און איין אויג פינטעלט ביי איהר און פינטעלט, ווי ס'וואָלט זיך געמאַטערט וויינען...

פון שרעק האָט זיך שואל'קע אויפגעכאַפּט.

א מאַמע.

אין זונען־שיין באָדט זיך דאָס שטעדטעל אין טאָל. אַרומגערינגעלט מיט בערג, זיינען די שפּיצען באַוואַקסען מיט וואַלד, די משופּע'דיגע זייטען אויסגעפּוצט אין תבואה־פעל־דער און לאַנקעס.

אונטען, צופוסענס שפּיעלט און פּיעסשצעט זיך דער טייך אַרום ווי אַ צוגעלאָזען קינד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פאר יום טוב איז יוסף פריי פון חדר. ווי שטענדיג, האָט ער קיינעם אין שטוב נים דערצעהלט און איז זיך אוועק אין סאָסנע־וואַלד קלייבען בעטקעס (שוועמלעך).

ער וויים, ער האָט זיך שוין פאַרשפּעטיגט. די מאַ־מע קוקט שוין די אויגען אוים. אָבער ער האָט נאָך אַ סך צו טאָן: ער מוז נאָך אָנקלייבען שווארצע יאַגעדעס פון וועלכע ער אַליין נאָר וויים „אָנ'ערטעל"; ער מוז נאָך אַרויפ־קלעטערען אַ קוק טאָן צו זיין נעסט פון וועווערקעס — זעקס קליינינקע, געלינקע זיינען זיי דאָרטען; ער האָפּט נאָך צו געפינען אויך האָזענע ניסלעך אונטען אין נאָסען וואַלד.

צווישען די אלשענע און ניסען־בוימלאך, איינגע־פלאַנטערט אין ווילדע האָפּען און קראָפּיווע, דאַרפען שוין זיין צייטיגע ווינטערדיגע מאַלינעס, קלערט ער, „כ'וועל זיי אויך אָנקלייבען. אפשר וועל איך קענען זיך פאַרענט־

פערען פאַר דער מאַמען — זעה, וואָס כ׳האָב אַנגעבראַכט: בעטקעס, שווארצע יאַגעדעס, האָזענע ניסלעך און אפשר נאָך ווינטערדיגע־מאַלינעס אויך״...

און ווייטער טראַכט ער, אַז מען וועט זיך נאָך דאַר־כען אויף גיך אַ באָד טאָן אויך, אַז די מאַמע זאָל ניט ווי־סען... ווייל פאַרנאַכט איז דאָס וואַסער וואַרים — מחיה׳־דיג! אַ חוץ אין „קעסעל־גרוב״, וואו פון פאַר׳כישופ׳טען זומפּ אין וואַלד, פון אונטער׳ן תהום קומט אַרויס דער ״וואַ־סער מענש״ און שלעפּט אַראָב צום גרונד אַזעלכע קליינע אינגלעך ווי ער און וואו זיי וואַרפען אריין אַלע יאָהר אַ קאַץ פאַר אַ כפרה...

אָבער הלואי טרעפט ער נאָר דעם בעל־עגלה׳ס זוהן מיט דער פאַר פערד, איין פערד וועט ער איהם שוין געבען צום אויסבאָדען. דעם בעל עגלה׳ס זוהן ווייס, אַז ער קען. אויב ניט, וועט ער זיך ווידער אָנטשעפּען אָן ווײדעל, אַ דאגה איהם — אַבי אַריבערשווימען די „קעסעל־גרוב״ און אויפ׳ן צווייטען ברעג איז אַ מחיה זיך צו קייקלען נאַקעטער־הייד איבער׳ן לאָנקע!

דער פאַרנאַכט קומט אָן און ער איילט זיך. פון אַ פּאַ־ליאַנע זעהט ער, די זון האָט זיך ווי אַ רויטער טייך צושוואַר־מען איבער׳ן הימעל, איין זייט איז באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקענס און ס׳ווערט טונקעלער. איצט וועט שוין ביי איהם לאַנג ניט דויערען. די פּאַדעשוועלעך זיינען ביי איהם גליטשיג פון די פעכינע נאָדלען, ער געהט און גליטשט זיך — ער גיט זיך אַ זעץ־צו, אַ גליטש. און אָט איז ער אין נאַסען־וואַלד.

ס׳אַרא מאַלינעס! ער האָט זיך גאָרניט געריכט —

גרויסע און אָנגעשאָטען! זיי זיינען אַזש שוואַרץ פון אָנ־געגאָסענעם זאַפט. די שטעכיגע שטעקעלאך בויגען זיך אַרונטער.

ער וואַרפט זיך אין די צונויפגעפּלאָנטערטע האַפּען, ברעכט איבער און טאַפּטשעט איין די בריהענדיגע, קראַפּיווע, אַ־אַ, ער וועט זיי אָנקלייבען א סך...

פּלוצלונג איז עפּעס פאַרביי איהם דורכגעפלויגען און זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען אויף אַן אויסגעפוילטען פּיען. ער האָט זיך איינגעצאַנען, אָנגעצונדען און פאַרהאַלטען דעם אָטעם. ער זעהט: אַ וואַסער־פויגעל שפּרינגט פאַרזיכטיג אַרום און פלאַטערט מיט'ן צושטרייפטען ווידעלע.

„כ'קען זיך שווערען, ס'איז אַ נעסט... — גיט איהם א קלאַפּ אין הערצעל. „כ'וועל האָבען מיט וואס זיך גרוים צו האַלטען אין חדר: אַ נעסט פון וועווערקעס האָב איך שוין, איצט — פון וואַסער־פייגעלעך."

ער האָט זיך פאַרטאַיעט: „זאָל איך נאָר זעהן, וואו זי שפּרינגט אַריין, וועלען זיי שוין זיין מיינע...!

נאָר דאָס פייגעלע האָט איהם דערשפּירט, און קרום פון דער זייט אויף איהם אַ קוק געטאָן, אַפּגעפלויגען אַ שטי־קעל און זיך געשטעלט אויף אַ צווייטען בוים, באַהאַלטענ־דיג זיך אונטער צווייגען, ווי דאָרטען וואָלט געווען דער נעסט.

„ניין, וועסט מיך ניט אָפּנאַרען. כ'וועל אַזוי לאַנג וואַרטען, ביז דו וועסט מוזען אַריינפליהען", טראַכט ער.

אַ צווייטע איז באַלד צוגעפלויגען און זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן זעלבען פּיען. די ערשטע האָט פאַרצווייפעלט אַ סווישטשער געטאָן, ווי אָנזאָגענדיג, אַז דאָ לויערט אַ שונא.

זיי האָבען זיך געדרעהט און אַרומגעפלויגען. ער איז די גאַנצע צייט געלעגען צונויפגעקאָרטשעט אין די קוסטעס און געטשאַטעוועט. ס'איז איהם מיט אַמאָל היים געוואָרען... ער זעהט איין פויגעל האָט זיך שטיל אריינגע'גנב'עט, און גאָר עפּעס אונטער אַ וואָרצעל.

„אָט גאָר, אַבי איך האָב געמיינט אין פיען"..

ווי די צווייטע איז אַריין, האָט ער שוין גאָר ניט באַמערקט, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אינווענינג. שטילינקערהייט האָט ער זיך גענומען שאַרען צום נעסט.

מיט האַרצקלאַפּעניש האָט ער אַריינגערוקט די האַנט אונטער'ן פיען... אַ געשריי געטאָן און באַלד ארויסגעכאַפּט די האַנט צוריק. פון וועהטאָג האָט ער אָנגעהויבען שפּרינגען אויף איין פיסעל און בלאָזען אויפ'ן צובלוטיגטען פינגער. אַ שטיק הויט האָט זי איהם אויסגעפּיקט מיט'ן שאַרפען, דינעם שנאָבעל. און מיט אַ מאָל — באַץ! און דיביידע פויגלען זיינען פאַר זיינע אויגען אַרויסגעפלויגען, און פאַרפאַלען!

ער קוקט זיך אַרום — שטאָק-פינסטער, און ער איז איינינקער אַליין, ביי נאַכט אין וואַלד. ער צאַפּעלט זיך פון שרעק. ער ווייס: וועלף נישטערען ביי נאַכט, און ערגעץ אין מיטען וואַלד — דער פאַר'כישופ'טער זומפּ מיט'ן וואַסער-מענש, מיט זיינע שרעקען, וואָס פאַרנאַרט אַלעמען און פון וואַנען קיינער קעהרט זיך ניט אום. און דער וואַלד איז שטיל — דער וואַלד שווייגט.

פּלוצלונג האָט אַ בייזער פייף זיך דורכגעטראָגען דורכ'ן וואַלד. די בוימער האָבען צוצאַרנטע אנגעהויבען הודזשען, ווי אַ בייזע האַנט וואָלט זיי געשויבערט די צוואוואַקסענע

קעפּ. אַ שלאַקס-רעגען האָט אַ גאַנס געטאָן און מיט גע־רויש אַנגעהויבען פּויקען איבער די בלעטער.

פון שרעק לאָזט ער זיך לויפען פון וואַלד אַרויס, נאָר די פינסטערניש באַגעגענט איהם פון אַלע זייטען און ער ווייס ניט, וואוהין צו לויפען. ער פּלאָנטערט זיך אין די ווילדע האָפען, ווי משונה'דיגע לאַפּעס ציהען זיך נאָך איהם די אַרויסשטאַרצענדע וואָרצלען. ער פאַלט איבער זיי, הויבט זיך אויף און פאַלט ווידער, ער בריהט זיך אָן די שטעכעדיגע קראָפּיווע. קאַלטע שטראָמען וואַסער נעצען איהם דורך און רינען איהם איבער'ן לייב. ער פאַרזשמורעט די אויגען פון די בלענדענדע בליצען, קנוילען-ווייז פליקען זיי דעם הימעל; דוכט איהם, אָט נעבען איהם פאַרטויבען די דונערען, שפּאַלטען זיך בוימער און ווילען איהם אין פּיצלאַך צוהאַקען... ער וויל זיך צוטוליען צו אַ בוים, נאָר ס'טרייסעלט איהם עפּעס אין גאַנצען. פייערדיגע קוילען דרעהען זיך איהם פאַר די אויגען. איהם דוכט, אַז ער הויבט אָן זינקען — פאַרזינקען אין פאַר'כישופ'טען זומפּ און ער צאַפּעלט אין גאַנצען, שטרעקט אויס די הענטלאַך און מיט די לעצטע כחות רופט ער:

— מאַמע, מאַמעלע מיינע!

ווי דורכ'ן חלום הערט ער דער מאַמע'ס קול. ער פיהלט נאָר, ווי זי נעמט איהם אויף די הענט. ער קלאַמערט אַרום איהר נאַסען האַלז. און זי טראָגט איהם אין מיטען שטורעם, טוליעט איהם צו זיך און רעדט שטיל: אויס־געמאַטערט קינד מיינס, אייגעלע מיינער...

נאָכדעם איז דער וואַסער-מענש פון זומפּ

געקומען און האָט איהם געמוטשעט און ערגעץ וואו געשלעפּט. ער האָט זיך געוואָרפען, געצאַפּעלט און גע־וועהרט, אָבער צווישען די משונה'דיגע מענשען, וואָס פלעגען מיט מאָדנע הויות אַרומשפּרינגען אַרום איהם, האָט ער זיין מאַמען ניט געזעהן, אַליין איז ער געווען, און דער וואַסער־מענש, איז ווידער געקומען, האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן, צוגעשטיקט און זיך גענומען מיט איהם אַרונטערלאָזען טיעף־טיעף אין פאַר'כישוף'טען זומפּ...

פּלוצלונג פיהלט ער, ווי די מאַמע רייסט איהם אַרויס און ער שווימט, שווימט אַרויס פון אָפּגרונד, און ס'ווערט איהם אַזוי גוט, לייכט — ער עפענט די אויגען און פאַר־וואונדערט זיך, ער ליגט גאָר אין דער מאַמע'ס בעט און עפּעס אַזוי שטיל איז אין שטוב. נאַכט. דער לאָמפּ מיט דער טונקעלער שיין ברענט אויפ'ן טיש. אַ סך רפואה־פלעשלאַך שטעהען אָנגעשטעלט נעבען דער בעט אויף אַ שטול. איינס געפעלט איהם, אַ שמאָלענקע, אַ רויטינקע. ער גיט באַלד אַ קלער: מען וועט קענען מיט איהר אַרויפ־שעפּען גרונט־וואַסער. ער קוקט זיך אַרום און פאַרוואונ־דערט זיך נאָך מעהר. די מאַמע טוט עפּעס גאָר ניט אין שטוב, נאָר זיצט עפּעס איינע אַליין ביים טיש, דעם פּנים באַהאַלטען אין די הענט און ער קען ניט וויסען צי זי שלאָפט, אָדער זי טראַכט, נאָר דעם אָפענעם „זיידענ'ס תהילים" מיט'ן לעדערנעם רוקען דערזעהט ער אונטער איה־רע עלענבויגענס און ער קלערט: וואָס זיצט עפּעס די מאַ־מע אַזוי? און ער רופט זי:

— מאַמע!

ער פאַרוואונדערט זיך, ווי פאַרענדערט זיין קול איז,

און איהם דוכט, אַז די מאַמע האָט איהם ניט דערהערט; מעהר ניט איהרע עלענבויגענס האָבען עפּעס אַ ציטער געטאָן און ער רופט נאָך אַמאָל:

— מאַמע!

ער קען ניט פאַרשטעהן, וואָס די מאַמע האָט זיך אַזוי צומישט אויפגעהויבען און פאַלט צו מיט אַ געוויין צו איהם. אָבער פון איהרע טרעהרען ווערט איהם אַזוי גוט און ליעבליך אויפ'ן האַרצען. זי קוקט איהם אין די אויגען, ווי זי וואָלט זיך ניט געגלויבט, און פון איהר בליק צאַפּעלט פרייליג זיין נשמה. אָבער איהרע אויגען קוקען איהם מאָדנע אוים, אַזעלכע רויטע, אָנגעצונדענע. ער קוקט און וואונדערט זיך: פון וואַנען זיינען ביי דער מאַמען אַזעלכע אויגען געוואָרען מיט אַמאָל? נאָר ער פיהלט, אַז ס'טויג עפּעס ניט צו פרעגען און ער קוקט איהר שטום אָן.

זי גלעט איהם צאַרט דעם שטערען און רעדט שטיל:

— אויסגעמוטשעט קינד מיינס, אינגעלע מיינער...

א געשלעג.

ביי די אינגלעך איז אָנגעגאנגען א מלחמה.

נאָך מיט די חומשים אונטער די ארעמס האָבען די קלענערע כתות פארנאכט גלייך נאָכ'ן חדר, געשפּיעלט זיך אין „בארג סיני."

דער „בארג סיני" — אַ לאנגער, פלאַטשיגער שטיין, האלב אַ פאַרגראָבענער אין מיט'ן ניט ברוקירטען, זאַמדיגען שוהל-הויף, איז פון די אינגלאך פאַרנומען און אָפּגעליידיגט געוואָרען:

— מיין בארג סיני!

— אראָפּ! מיין באַרג סיני!

אין איין פלאַנטער האָבען זיי זיך, ווי ווערובליעס גע־וואַלגערט אין שטויביגען זאַמד, געשטופּט זיך און געדראַ־פּעט זיך אויפ'ן שטיין:

— איך בין משה רבינו!

— ניין, איך שטעה שוין, איך בין משה רבינו!

דער פאַרנאַכט איז געווען אַ זומערדיגער, א גאָלדענער. צונטער-רויט איז ערגעץ ווייט הינטער'ן דאַך פון דער הויכער שוהל מיט אַ ראַנד די זון פאַרגאַנגען. איבער די אינג־לאַך'ס קעפּ איז דער דינער טרוקענער שטויב צוזאַמען מיט'ן געטומעל געהאַנגען ווי אונבאַוועגליך אין דער לופט, דאַ און דאָרטען האָבען וואָלקענדלאַך קאַמאַרעס ריטמיש גע־וויגט זיך צווישען הימעל און ערד. זשוקעס האָבען נאָכאַ־

גאַנד אין מיטען פליהען בלינד זיך אַנגעקלאַפּט אַן די אַלטע ווענט פון שוהל, פלעגען אומגעריכט אַרונטערפאַלען און ניט באַוויזען צוזאַמענצונעהמען די אונטערשטע דורכזיכטיגע פליגעלאַך.

ווי פון העלער הויט פלעגען שוואַלבען פלינק אַרוים־פליהען פון אונטער די שינדעל דעכער פון די בתי מדרשים פון אונטער דעם הויכען שוהל־דאַך און זיך צופליהען מיט א צאַרטער סוויטשעריי, אַרונטערפאַלען, ווי געוואָרפענע שטיינדלאַך, צו דער סאַמער ערד און באַלד פייל פון בויגען זיך הויבען אין הימעל.

פאַררייסט וואו א אינגעל דעם קאָפּ און דערזעהט א פלעדער־מויז פלאַטערט אין דער לופט, ווי אַן אָפּגעקלאַפּט בלעטעל פון ווינט, און, דוכט זיך, ווייס אַליין ניט וואו צו פליהען, פלעגט ער זיך צושרייען:

— אַ ווייסע זאַך אהער! גיכער, אַ ווייסע זאַך, וועט עס זי צוציהען!

די עברי־אינגלאַך האָבען זיך געשפּיעלט אין קנעפּ־לאַך אָדער גאָר געטשאַטעוועט דעם הימעל און האָבען זיי נאָר דערזעהן אַ מחנה פויגלען ציהענדיג איבער'ן הימעל אויף נאַכט־לעגער, פלעגען זיי זיך צוזינגען אין כאָר:

. . . סקאָרעי, סקאָרעי, די שטיבעלע ברענט.
וואַרף אראָפּ אַ בייטעלע געלד...

אַלץ האָט גערוישט, געזשומעט, ווי אַן אַנגעצויגענע סטרונע וואָלט די גאַנצע צייט וויברירט אין דער לופט. נאָר די פאַרהאָרעוועטע אידען פון דער שטעדטעל האָבען גע־איילט דורכ'ן שוהל־הויף צו מעריב אין די בתי מדרשים אַריין, געווישט זיך דעם שוויס פון די פּנימער און קיין אַכט ניט

געלייגט אויפ'ן קינדישען טומעל. איבער זיי האָט זיך דער הימעל מיט טונקעלע פּאַסען באַצויגען, ווי קנייטשען וואָל־טען זיך אויסגעלייגט און איהם צוגעגעבען א פאַרטראַכטען פאַרנאַכטיגען אויסזעהן.

ביים „באַרג סיני" האָט אין מיטען טומעל א שניידיג, קווימשיג קול'כעל זיך שיעור צואווינט:

— אוי, אוי, אוי... דער הויז מיינער! מיין הויז! „בויטע", וואָס שלעפּסטו זיך ?! דו צורייסט מיר דעם הויז, צו־רייסטו !....

צאַלקעלע „בויטע", אָן אָפּגעפּאַשעט, אַנגעבלאָזען איינ־געל, ווי א פּענכער, האָט זיך איינגעקרעמפּט אין יאַנקע־לע'ס פּיסעל, זיך איינגעשפּאַרט אין שטיין און מיט'ן גאַנ־צען כח איהם געשלעפּט אַרונטער פון „באַרג סיני".

— „בויטע" לאָז אָפּ בעסער... — האָט דער קול־כעל געסטראַשעט.

— ניין „פרעגעלע" איך ניט אָפּלאָזען, דו רופּסט זיך איבער...

יענקעלע „פרעגעלע", אָן אויסגעצויגענער אויפן ביי־כעל האָט מיט איין האַנט געהאַלטען אין דער הויך דעם חומש און מיט דער צווייטער זיך געדראַפּעט אָן שטיין; גע־שריען, אַז מען צורייסט איהם דעם הויז, דערפיהלט, אַז אָט־אָט שלעפּט מען איהם אַרונטער — האָט ער זיך פּרו־בירט אַנכאַפּען מיט דער צווייטער האַנט, זיך פאַרגעסען און אַרויסגעלאָזט דעם חומש.

— דער חומש! דער חומש פאַלט! — האָט יענקע־לע „פרעגעלע" מיט פּחד אויסגעשריען, און גלייך דערזעהן,

ווי דער חומש האָט צועפּענט די טאָוולען, ווי אַ פויגעל די פליגלען, זיך איבערגעקוליעט איבער'ן שטיין און אַ צועפּענטער ארונטערגעפאַלען אין זאַמד.

— „בויטע" לאָז אָפּ! היט זיך טרעט ניט! האָבען אַנגעהויבען שרייען די אינגלעך און אין איין קנויל זיך אַ וואָרף געטאָן אויפהויבען דעם חומש.

— כ'האָב דער ערשטער אויפגעהויבען, מיר קומט א קוש טאָן, — האָט אַ אינגעל פארסאָפּעט ארויסגערעדט.

— וואו קושסטו וואו? דאָס אָרט וואָס איז געפאַלען דאַרף מען אַ קוש טאָן, — האָט זיך אַריינגעמישט אַ אינגעל מיט שטעכעדיגע אויגלאך און זומער שפּרינקלאַך.

— אוועק, דו „געלער רמאי" — ווייסט אַליין ניט, „פרעגעלע" דאַרף אַ קוש טאָן — האָט אַ מורזעוואַטער אינגעל ניט געהערט, וואָס מען רעדט און זיך אַריינגעמישט, — „פרעגעלע" האָט דאָך דעם חומש ארונטערגעוואָרפען...

— „בויטע" אויך, האָבען אַנדערע זיך אַנגעכאַפּט, — ביידע זיינען שולדיג, ביידע דאַרפען אַ קוש טאָן, האָבען די אינגלאך געפּסקנ'ט.

„יענקעלע" „פרעגעלע" האָט זיך איצט, אָהן דעם חומש, געהאַלטען פעסטער אָן שטיין, און שניידיג געקווי־טשעט.

— „בויטע" „בויטרוק", די עברה אויף דיין קאָפּ, לאָז אָפּ!

צאַלקעלע „בויטע" האָט אבער מיט אַן אַנגעגאָסען רויטיג פּנים עקשנות'דיג און תמעוואַטע ווי אַן עקסעל, נאָך אַלץ איהם ניט אָפּגעלאָזען.

— בויטע לאַז אָפּ! — האָבען די איבעריגע זיך צו איהם אַ וואָרף געטאָן, — מיר'ן דיר די זייטען צוקיילען...

יענקעלע „פּרעגעלע" האָט זיך דערפיהלט פריי, האָט ער זיך היציג אַ רים געטאָן פון שטיין, פאַרלאָרען די היטעל, אַרויפגעלאָפען אויף צאַלקעלע „בויטע", זיך אָנגעציעלט מיט די שוואַרצע אויגלאַך און אָנגעהויבען זיך קלאַפּען אין האַרצען און שווערען, ווי אַ גרויסער:

— ווי איך בין א איד, כ'וועל דיר צוממיתען...

— טו אַ קוש דעם חומש, — האָט איהם אַ אינגעל צוגעטראָגען זיין חומש.

— אַ קונץ ווייזט ער! פאַר אַ פּוס שלעפּט ער זיך גאָר, דער „בויטע", — האָט זיך יענקעלע געקאָכט — דעם חומש צוליעב איהם אַראָפּגעוואָרפען.

צאַלקעלע איז נאָך רויטער געוואָרען, געפיהלט, אַז די אינגלאַך זיינען ניט אויף זיין צד, האָט ער זיך אָנגעדרודעלט און אַ בורטשע געטאָן:

— וואָס רופסטו זיך איבער, וואָס?

— אָט רוף איך דיר טאָקע איבער, — האָט יענקעלע געפיהלט זיך פאַר'ן גערעכטען:

— בויטע!

— פּרעגעלע!

— וואָס רופסטו זיך איבער, וואָס? — האָט יענקעלע זיך אָנגעצונדען און אָנגעהויבען די סדרה אויף דאָס ניי, — מיינסט כ'וועל דיר שווייגען....

— מיינסט, כ'האָב מורא פאַר ד י ר? — איז איהם נעהנטער אין די אויגען געקראָכען יענקעלע, געפיהלט אַז די אינגלעך קוועלען אָן פון איהם, און זיך נאָך מעהר גע-

היצט. — מיינסט כ'האָב מורא פאַר דיר, ווייל דו ביזט מיט אַ קאָפּ העכער, כ'געה מיט דיר „איינס אויף איינס."

ביי די אינגלאַך האָבען זיך די אויגלאַך צופינקעלט:

— איינס אויף איינס, — האָט זיך ביי אַ סך ארוים־געכאַפּט, — „פּרעגעלע" איז גערעכט... מאַך אַ קאַראַהאָד.

די אינגלאַך האָבען געמאַכט אַ קאַראַהאָד.

— נו, גיב זיך נאָר אַ טשעפּע, — האָט יענקעלע פּרע־געלע העלדיש זיך געשטעלט מיט אַ זייט און מיט די לוי־פיגע אויגלאַך נאָכגעקוקט צאַלקעלע „בויטע."

— דערלאַנג ד ו זיך פריהער אַ טשעפּע!... — האָט פּאַוואָליע געדרעהט מיט'ן צינגעל צאַלקעלע „בויטע".

— „פּרעגעלע" הויב אָן! — האָבען אונטערגעמינ־טערט די אומגעדולדיגע.

— מיש זיך ניט. ס'איז איינס אויף איינס... — האָ־בען זיך איינגעשטעלט אַנדערע.

— כ'האָב דיר שוין אָנגעריהרט... — האָט יענ־קעלע זיך צוגעריהרט מיט אַ פינגער צו צאַלקעלע'ם רעקעל.

צאַלקעלע איז שוין איצט געוועזן רויט ווי אַ בוראק, פּאַוואָליע אַ דרעה געטאָן מיט'ן קאָפּ און עקשנות'דיג גע־זאָגט:

— דאָס איז ניט אָנגעריהרט...

— דאָס איז יע אָנגעריהרט, יע אָנגעריהרט! — האָ־בען אויפגעהויבען אַ געשריי די אינגלאַך.

צאַלקעלע „בויטע" האָט אַלץ געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און זיך געהאַלטען ביי זיינס:

— דאָס איז ניט אָנגעריהרט.

— גיב איהם אַ שטאַרקערען טשעפּע ! — האָבען אויפגעהעצט יענקעלע׳ן די איבעריגע אינגלאַך.

— כ׳וויים אליין... — האָט זיך שוין יענקעלע גע־פיהלט גאָר תקיף און אַביסעל שטאַרקער זיך צוגעריהרט מיט׳ן פינגער.

— אָנגעריהרט, אָנגעריהרט, מיר זיינען עדות ! — האָבען די אינגלאַך ווידער אויפגעהויבען אַ געשריי.

— נאַ דיר אָפּ, — האָט שוין צאַלקעלע געזעהן, אַז ער קען ניט העלפען — און זיך מיט׳ן זעלבען אופן פּאַוואָ־ליע זיך צוגעריהרט מיט׳ן פינגער צו יענקעלע׳ס רעקעל.

— וואָס שלאָגסטו זיך, וואָס ? — האָט יענקעלע מיט א געמאַכטען געוויין זיך פּלוצלונג אַ וואָרף געטאָן אויף צאַלקעלע׳ן. ביידע האָבען זיך ארומגעכאַפּט און זיך גע־נומען קוליען אין זאַמד, ווי אין אַ ווייכער פּערינע, אויפ־הויבענדיג אַ וואָלקען שטויב.

אַלע אינגלאַך האָבען זיך איבער זיי איבערגעבויגען און נייגיעריג נאָכגעפאָלגט, געצויגען דעם קאַראַהאָד לויט זיי האָבען זיך געקייקעלט, האָבען אויפגעפּאַסט און געוואָ־רענט :

— אויפ׳ן שטיין, אויפ׳ן שטיין קייקעלט איהר זיך ארויף ! אָן דער זייט, אָן דער זייט !...

— מאַמעס מיינע, שקצים, וואָס הרג׳עט איהר זיך ? — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט לאה דער שמש׳טעס קול, — אַ הויכע, טרוקענע אידענע, מיט בראָדעווקעס האָר אויפ׳ן פּנים, פאַר וועלכער זיי האָבען מורא געהאַט און זיינען גע־ווען זיכער, אַז זי קען אָפּטאָן אַ כישוף.

— גזלנים, וואָס לאָזט איהר אידישע קינדער זיך שלאָ־גען, וואַרט איך וועל דערצעהלען אייערע טאַטעס....

זי האָט אָנגעכאַפּט יענקעלע׳ן מיט צאַלקעלע׳ן און זיי אויפגעהויבען פון זאַמד.

נאָך צוהיצט פון געשלעג האָבען זיי צום אָנהויב גאָר ניט געזעהן ווער עס האָט זיי אויפגעהויבען, און ביידע האָ־בען אויף אַמאָל אַרויסגעפּלאַצט:

— אַ, ווער האָט בעסער געגעבען ?...

באַלד אָבער האָבען זיי זיך אַ ריס געטאָן און אָפּגעלאָ־פען צו די איבעריגע אינגלאַך, וואָס האָבען זיך צוזעהט אי־בער׳ן שול הויף.

— די היטלען נאָט אייך אייערע, — האָט מען זיי מיט אַ באַזונדער פריינדשאַפט אַנטקעגען געטראָגען די היט־לען. — לאָז, כ׳וועל דיר אָפּפּולען פון הינטען, — האָבען נאָך אַנדערע געהאָלפען.

— פאַרגעסט נאָר ניט, ביידע דעם חומש אַ קוש טאָן — האָט דערמאָנט דער אינגעל מיט די זומער שפּרינקעלאַך.

שטערענס האָבען זיך אויסגעשאָטען איבער׳ן זאַמדי־גען הימעל. אַ ווײַלע שפּעטער האָבען זיך די טאַטעס אַרויסגעשאָטען פון די בתי מדרשים, און די אינגלאַך האָבען זיך געלאָזט געהן אַהיים.